# מאמע = לשון

ביולעטען פון דער איניציאטיוו=גרופּע פארן שאפן א ייִדיש=פאריין בא דער ייִדישער קולטור=אסאָציאציע. נומ. 2, מארץ 1989. מאָסקווע.

## אינפאָרמאַציע

דעם 19-טן פעברואר איז פאָרגעקומען די גרינדונגס-פארזאמלונג פון דער טשערנאָוויצער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפט אַף אליעזר שטיינבארגס נאָמען. די פארזאמלונג האָט געאַרבעט אין דעם זעלבן זאַל, וווּ אַמאָל מיט אַכט יאָרצענדליקער צוריק, האָט געאַרבעט די היסטאָרישע ייִדישע שפּראַך-קאָנפערענץ. ניט געקוקט אָף דעם, וואָס די מערהייט טשערנאָוויצער ייִדן אין דער עלטער אריבער 30 יאָר פאַרשטייען מער אָדער ווייניקער ייִדיש, איז די אַרבעטס-שפּראַך פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג געווען רוסיש. די איינציקע רעדע אויסשליסלעך אין ייִדיש האָט געהאַלטן דער גאַסט פון דער קולטור-געזעלשאַפט פאָרשטייער פון דער ייִדישער קולטור-אַסאָציאַציע וועלוול טשערנין. אין טשערנאָוויץ אַרבעטן שוין לעגיטימירטע ייִדיש-קורסן. דער אונטערריכטער איז דער עלטערער ייִדישער שריפטשטעלער יוסף בורג. עס פילן זיך גרויסע שוועריקייטן אינעם ברח פון מעטאָדיק, עס פעלן אויס לערן-מאַטעריאַלן. אין דער טעטיקייט אַף אָפּצוהיטן דעם ייִדישן שפּראַכלעכן אוצר אין טשערנאָוויץ נעמט אַקטיוו אָן אָנטייל א יונגער ייִדיש-קענער טוביה שקלאַווער. זײַנע פּובליקאַציעס קאָן מען לעצטנס טרעפן אַף די שפּאַלטן פון „בירָאָבידזשאַנער שטערן".

✡

בעת דער פֿײַערלעכער גרינדונגס-פארזאמלונג פון דער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפט אין ליטע, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 5-טן מאַרט, האָט דער פאָרשטייער פונעם וועלט-ראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ישׂראל שמריהו לין פאַרגעלייענט א בריוו פונעם פרעזידענט פון וועלט-ראַט ד"ר יצחק קאָרן צום פאָרזיצער פון דער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפט אין ליטע עמנואל זינגעריס, אין וועלכן ס'איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז די ליטוויש-ייִדישע געזעלשאַפט איז אָנגענומען געוואָרן אַלס קאָלעקטיווער מיטגליד פונעם וועלט-ראַט פאַר ייִדיש. ייִדיש איז אויך געווען די עכטע אַרבעטס-שפּראַך פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג פון אַט דער געזעלשאַפט. אַף מאַמע-לשון זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן דאָקומענטן פון דער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפט אין ליטע - איר פּראָגראַם, יאָרבוך פון איר טעטיקייט א.א. מע דאַרף אָפּמערקן, אַז פאַר די דעלעגאַטן איז אַרויסגעטראָטן אויך דער אָנפירער פון דער יוגנטלעכער ייִדישיסטישער גרופּע אין ישׂראל - דור המשך - דניאל גלאַי. אין ליטע ווערן איצט רעגולער געפירט ראַדיאָ-אויסדריציעס אין ייִדיש (א האַלבע שעה א חודש), עס פונקציאָנירן לעגיטימירטע ייִדיש-קורסן אין ווילנע און קאָוונע.

✡

עטלעכע גרופּעס פאַרן ייִדיש-לימוד האָבן אָנגעהויבן זייער לעגיטימירטע פונקציאָנירונג אין די ראַמען פון דער קיִעווער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפט. דער אינטערעס צו ייִדיש איז בא די קיִעווער ייִדן גרעסער, איידער דער אינטערעס צו עברית. פונקט ווי אומעטום שטייט נאָר שאַרף די מעטאָדישע פּראָבלעם און די פּראָבלעם מיט לערנשטאָף. דער ייִדיש-לימוד אין באַשטאַנד פונעם קיִעווער סעמינאַר „אלף" איז צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט. פאַרינטערעסירטע פערזאָנען קאָנען באַקומען צונויפֿלעכע אינפאָרמאַציע מכּוח ייִדיש-לימודים אין קיִעוו באַם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער יוגנט-סעקציע אין דער קולטור-געזעלשאַפט בערל קימעלפעלד, טעל. 517-26-54

✡



# פורים

### איציק מאַנגער

דאָס ליד פונעם לויפער
(פון דער זאַמלונג „מגילה-לידער")

זײַט זשע, ייִדן, שאַ און שטילן
מיר פאַנגען אָן דעם פּורים-שפּיל.

א פּורים-שפּיל אין גראַמען,
וואָס האָט טויזנט טעמען.

ווער ס'וועט עס לייענען
וועט ווי א ביבער וויינען.

און ווער ס'וועט עס הערן,
וועט לאַכן מיט טרערן.

אָט גייען זיי אַלע שפּילע
די העלדן פון דער מגילה:

אחשורוש דער קעניג
האָס וויפל ער טרינקט איז אים ווייניק.

אסתר המלכה, די גרינע
און ושתי אין דער קרינאָלינע.

מרדכי דער חכם עתיק
און המן הרשע, דער לאַטעק.

זרש די מכשפה
וואָס שעלט ווי א מגפה.

ויזתא דער רעדאַקטער
וואָס האַקט א טשבניק האַקט ער.

און צווישן די אַלע גרויסע לײַט
שטייט פאַסטרינקא בא דער זײַט.

ער וועט אײַך אַליין דערציילן
וואָס ס'טוט אים נאָגן און קווילן.

הקיצור, די אַלע זאַכן
אַף צום וויינען און צום לאַכן,



ב א ר י ס ק י מ ע ל פ ע ל ד

## ייִדיש אינעם קיִעווער ייִדישן טעאַטער "מזל טוב"

נו מיאזוי קאָן מען זיך פאָרשטעלן א ייִדישן טעאַטער אָן דער ייִדישער שפּראַך? און פאָרט אַף הבנם-צו-טאָג איז די סיטואַציע דווקא אזא. דערווײַל קען ניט קיין איין פּראָפעסיאָנעלער ייִדישער טעאַטראַלער קאָלעקטיוו פון דעם לאַנד דאָס מאַמע-לשון אַף אַוזיפּיל, עס זאָל ווערן די אַרבעטס-שפּראַך.

צום באַדויערן, אויך מיר, די טרופּע פונעם קיִעווער ייִדישן טעאַטער זײַנען ניט קיין אויסנאַם. און די אַקטיאָרן זײַנען ניט שולדיק אין דער דאָזיקער טרויעריקער רעאַלקײַט. דאָס איז אָן אַלגעמיינע צרה, א טראַגעדיע – א פאָלק, וואָס פאַרגעסט זײַן שפּראַך! און אין טעאַטער, פּונקט ווי דאָס איז געווען אין אַלע צײַטן, רוקן זיך אַרויס אַט די פּראָבלעמען שטאַרקער, ווערן שאַרפער די קאָנפליקטן, און די אַקטיאָרן פילן זייער פאַרבינדנקײַט מיט דעם אַלעם, וואָס עס קומט פאָר. דער ייִדישער טעאַטער האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן אַלס קרומער כשופריקער שפּיגל פון אונדזער לעבן.

כדי ווידערופלעבן אונדזער קולטור איז דאָ קודם כל נייטיק ייִדיש. אַף אַט דער שפּראַך האָבן געשריבן אונדזערע קלאַסיקער. אונדזערע אורעלטערן האָבן גערעדט אַף איר. און הײַנט, פּונקט ווי אין די ווײַטע קינדער-יאָרן באַדאַרפן מיר האָבן אָן עכטן לערער, א לערער, וואָס ער וואָלט אונדז געגעבן גלײַך ווי צניפלעך בא דער האַנט, און וואָלט אונדז געפירט אין דער ליכטיקער אומבאַקאַנטער, אָבער ביז צו הייטיק דערקענבאַרער וועלט. יעלכע ניט אַרויס פון אונדזער אונטערבאַוווסטזײַן, פון דער טיף פון אונדזער פּסיכיק. און פּלוצעם הייבט זיך אַרויס, אַז מיר ווייסן דאָס שוין, מיר האָבן די דאָזיקע ווערטער ערגעץ געהערט. מיר דערמאָנען זיך פּשוט.

באַיאָרטע מענטשן האָבן געפּרוווט אונדז העלפן. זיי האָבן אופריכטיק געהאַט א טעות, מיינענדיק, אַז אויב זיי האָבן אין קינדהייט גערעדט ייִדיש, העלן זיי קענען העלפן דעם ייִדישן טעאַטער אינעם לערנען די שפּראַך. זײַענדיק פּראָפעסיאָנעלע לערער פון ענגליש און רוסיש, פון פיזקולטור און מאַטעמאַטיק, האָבן זיי ניט געקענט די ליטעראַרישע ייִדישע שפּראַך, ניט געהאַט קיין שום אַנונג וועגן סצענישע רייד.

עס זײַנען געווען אויך אַנדערע פּראָבלעמען. דעם טעאַטער, וואָס נעמט זיך פאַר דער שאַפונג פונעם גרויסן שלום-עליכמען, איז נייטיק א באַקאַנטשאַפט מיט לשון-קודש. דאָך שיידן זיך אונטער די רייד פון לאַמיר זאָגן א רב פון המונישע רייד פון אַנדערע פּערסאָנאַזשן. נאָר די דעהעבראַיזאַציע איז אַף אַזויפיל אַרײַן אינעם לעבן פון אונדזערע פּרטיוויליקע מיטהעלפער – לערער אַז זייער ייִדיש איז פאַראָרעמט ביז גאָר, ייִדישע טעקסטן אינעם אויסלענדישן אויסלייג זײַנען זיי ניט פאַרשטענדלעך, און די אָפּהעזונגהייט פון עלעמענטאַרע קענטעניש פון דער ייִדישער מסורה, אַגדות, פון דער תורה אפילו מאַכט צווישן אַט די ייִדיש-רעדנער און דער ייִדישער מלאכים אָן אַבגרונט אַף ניט איבערצושפּרינגען ממש.

איך האָב אין דער דאָזיקער אויסהעגלאָזער אָפּן ערשטן קוק סיטואַציע אופגעגנומען א באַשלוס פאָן דעם ערשטן שפּאָן. פאַרמאָגנדיק נאָר סאַמע עלעמענטאַרע קענטעניש – קענענדיק שרײַבן און לייענען, האָב איך באַשלאָסן איבערגעבן די דאָזיקע קענטעניש מײַנע קאָלעגן, איידער ס'וועט קומען א לערער.



אָבער ווען די ביוראָקראַטיע סוף כל סוף וועט זיי אָנהייבן אויספילן? – אַט דאָס איז א פראַגע!

נאָר ס'האַלט בא דעם, אַז געוויסע אויסזיכטן אַף א דערפאָלג האָבן זיך שוין באַוויזן. דער ערשטער טריט אין דער דאָזיקער ריכטונג וועט מיסטאָמע ווערן א סעמינאַר פון ייִדיש-לערער פונעם גאַנצן לאַנד, וועלכן מע האָט אונדז צוגעזאָגט אָרגאַניזירן אינעם מאָסקווער אינסטיטוט פאַר העכערן די קוואַליפיקאַציע פון לערער סוף מאַרט. לאָמיר האָפן, אַז דאָס מאָל – אַף געוויס! אויב דער ערשטער טראָט וועט זײַן פּראַווירקלעכט, ווערט גאַנץ דערגרייכבאַר די ווײַטערדיקע פּערספּעקטיוו – אײַנפירן אין א ריי מיטל-שולן פון מאָסקווע ייִדיש-פאַקולטאַטיוון.

מיר האָבן אויך געפּרוּווט גיין אין אַן אַנדער ריכטונג, אָרגאַניזירן ייִדיש-לימודים אַפן יסוד פון קולטור-אַנשטאַלטן. אָבער פאַרשרײַבן זיך אַף אַן אופּנאַם צו די אָנפירער פון דער קולטור-פאַרוואַלטונג פון מאָסקווספּירקאָם האָט אונדז ניט געלונגען. ס'האָט אונדז געעצהט זיך ווענדן צו דעם אָנפירער פונעם קולטור-אָפּטייל פונעם מאָסקווער שטאָטישן פּראָפּאַריינען-ראַט. אָבער דער חבר בוגאַיעוו, אין וועמענס קאָמפּעטענץ געפינען זיך כמעט אַלע קולטור-פּאַלאַצן און קלובן פון דער הויפּט-שטאָט, האָט זיך זייער געוווּנדערט אַף אונדזער בקשה, זיך באַקלאָגט אַף דער אָפּוועזנהייט פון פרײַע לאָקאַלן און צום שלוס געזאָגט: "וואָס קאָנען מיר פאָרלייגן פאַר דער ייִדישער שפּראַך, אויב אפילו פאַר דעם קרײַזל פון יאַקוטישע טענץ איז אומעגלעך אָפּזוכן א לאָקאַל אין מאָסקווע?!"

מיר האָבן, גאָט זאָל אָפּהיטן, גאָרניסט קעגן יאַקוטן, אָבער וואָס זאָלן טאָן מיר, 222 טויזנט מאָסקווער ייִדן, כמעט א פערטל מיליאָן בפּשטות?

✡

### אינפאָרמאַציע

די ערשטע ברייטע פּובליקאַציע פון י. באַטעוויס-זינגערס דערציילונגען לייגט פאָר דער זשורנאַל "אינאָסטראַנאיאַ ליטעראַטורא", אַף רוסיש האָט די דאָזיקע דערציילונגען איבערגעזעצט לעוו בערינסקי. ער איז אויך דער אַוטאָר פונעם פאָרוואָרט וועגן דער שאַפונג פונעם באַוווסטן ייִדישן פּראָזאַיקער, נאָבעל-פּרײַז-לאַורעאַט.

✡

אַלס בײַלאַגע צום נומער 6 פון "סאָוועטיש היימלאַנד" וועט דערשײַנען משה שאַפּיראָס גראַמאַטיק פון דער ייִדישער שפּראַך אונטערן נאָמען "שמועסן וועגן דער ייִדישער שפּראַך".

✡

אינעם מאַרט-נומער פונעם זשורנאַל "קאָדרי" (קעשענעוו) וועט דערשײַנען ל. בערינסקיס אַרטיקל וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם אין 1903 יאָר. די פּובליקאַציע אַנטהאַלט פילצאָליקע, ביזדאַנען ניט באַוווסטע פאַקטן, ווי אויך זעלטענע פאָטאָס פון יענע געשעענישן.

✡



## אַנטי-דעהעברעיזאַציע

מיר זענען צו העלפן אונדזערע לאַנדסלײַט זיך אומקערן צום טראַדיציאָנעלן ייִדישן אויסלייג האָבן מיר אין פֿונעם איצטיקן נומער אָן איבערדרוקן מאַטעריאַלן פֿונעם ווערטערבוך "העברעיזמען אין דער ייִדישער שפּראַך", וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט יאָרצענדליקער צוריק אין בוענאָס-איירעס.

אָב (אָװ) – פֿאָטער. מערצאָל: אָבות (אָװעס); דער עלפֿטער כוידעש אין יאָר, לויטן ייִדישן לוח.
אבדה (אַװײדע) – פֿאַרלוסט, אָנוער. מערצאָל: אבדות (אַװײדעס).
אבוד (איבעד) – פֿאַרניכטונג, ניוועץ, אומברענגונג.
אָבות (אָװעס) – פֿאָטערס, שטאַמפֿאָטערס, אורעלטערן, פּאַטריאַרכן.
אבידה (אַװײדע) – פֿאַרלוירענע זאַך, פֿאַרלוסט. מערצאָל: אבידות (אַװײדעס).
אביון (עװיען) – אָרעמאַן. מערצאָל: אביונים (עװיוינים).
אביונה (עװיוינע) – אָרעמע פֿרוי. מערצאָל: אביונות (עװיוינעס).
אביונטע (עװיוינטע) – זע: אביונה. מערצאָל: אביונטעס (עװיענטעס).
אָבל (אָװל) – דער וואָס איז אין טרויער נאָכן טויט פֿון אַ נאָענטן; טרויערער, טרויערנדיקער. מערצאָל: אבלים (אַװײלים).
אבן (עװן) – שטיין. מערצאָל: אבנים (אַװאָנים). זע: אבן טוב, אבן נגף.
אבר (אײװער) – גליד. מערצאָל: אברים (אײװרים).
אגב (אַגעװ) – בײַ דער געלעגנהייט, פֿאַרבײַגײענדיק.
אגדה (אַגאָדע) – לעגענדע. מערצאָל: אגדות (אַגאָדעס).
אגדתא (אַגאַדטע) – דערציילערישער אָדער פֿאָבולאַרער טייל פֿון טאַלמוד.
אגודה (אַגודע) – פֿאַרבאַנד. מערצאָל: אגודות (אַגודות).
אָדון (אָדוין) – האַר, הערשער, פֿאַרעז, הער, רעגירונגס-באַאַמטער, מערצאָל: אדונים (אַדױנים).
אָדוני (אָדױני) – מײַן האַר. (אָדױנאָי) – גאָט.
אדומים (אַדומים) – גאָלדענע רענדלעך.
אָדיר (אַדיר) – זייער רײַכער מענטש. מערצאָל: אדירים.
אָדם (אָדאָם) – מענטש. בני-אָדם (בנײ-אָדאָם) – מענטשן, מענטשנקינדער.
אדמה (אַדאָמע) – ערד, לאַנד.
אדמוני (אַדמױני) – רויטער.
אָדר (אָדער) – זעקסטער כוידעש לויטן ייִדישן לוח.
אדרבא (אַדעראַבע) – אין קעגנטייל, פֿאַרקערט, גערן.
אהבה (אַהאָװע) – ליבע, ליבשאַפֿט.
אוהל (אױעל) – געצעלט, בײַדל.
אוודאי (אַװאַדע) – געוויס, זיכער, באַשטימט.
אויר (אַװיר) – לופֿט, שלעכטער רייעך.
אומה (אומע) – פֿאָלק, נאַציע. מערצאָל: אומות (אומעס)
אופן (אױפֿן) – שטײַגער, אַרט. מערצאָל: אופנים (אױפֿאַנים).
אוצר (אױצער) – מאַיאָנטעק, שאַץ, פֿאַרמעגן. מערצאָל: אוצרות (אױצרעס).
אורח (אױרעך) – גאַסט. מערצאָל: אורחים (אָרכים).
אוריתא (אױרײַטע) – טוירע.
אות (אָס) – צייכן, בוכשטאַב. מערצאָל: אותיות (אױסיעס).
אזהרה (אַזהאָרע) – האַרענונג, פֿאַרזאָג. מערצאָל: אזהרות (אַזהאָרעס).
אזכרה (אַזקאָרע) – דערמאָנונג, טפֿילע נאָך אַ פֿאַרשטאָרבענעם, מערצאָל: אזכרות (אַזקאָרעס).



## זײַט באַקאַנט: אַן אינטערעסאַנטער בוך

אין 1984 האָט דער פֿאַרלאַג פֿונעם אוניווערסיטעט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, אַרויסגעלאָזט דעם בוך "ווערטער ווי פֿײַלן. אַ אוצר פֿון ייִדישע פֿאָלקסווערטלעך" צונויפֿגעשטעלט פֿון שירלי קומאָוו, מיט אילוסטראַציעס פֿון פֿרענק ניופֿעלד. אין 1986 איז אין די פּאַס דערשינען די צווייטע אויפֿלאַגע פֿון דעם בוך. דער בוך אַנטהאַלט אַ פֿאָרעדע אין ענגליש מיט אַן אינפֿאָרמאַציע מכוח דער ייִדישער שפּראַך און איר קולטור, אַ גלאָסאַרי, און אַ ביבליאָגראַפֿישע רשימה איבער דער טעמע. די ווערטלעך גופֿא זײַנען גרופּירט לויט זייער אינהאַלט: זקנות, גוף און נשמה, חזנים, דערפֿאַלג, נאַרישקייט, אד"גל. אײַנגאַנצן געצויגן – הונדערטער און טויזנטער ייִדישע פֿאָלקס-ווערטלעך מיט אַן איבערזעצונג אין ענגליש און לאַטײַנישער טראַנסקריבירונג פֿונעם עצם ייִדישן טעקסט. מיר ברענגען דאָ עטלעכע מוסטערן (אָמת, אָן אַן איבערזעצונג).

דעם שכל פֿון שווימען קען איך, אָבער שווימען איז אַן אַנדערע זאַך.
אַ בלינדע הון קאָן אויך אַמאָל געפֿינען אַ קערנדל.
אויף אַ נידעריק טישל שפּרינגען אַלע ציגן.
טאַטע-מאַמע איז אַ קונץ צו זײַן, און אַלע נעמען עס זיך אונטער.
אַ בהור אַ שדכן, אַ מויד אַ כאַלע – קאָן ניט זײַן.
אַן אַלטער שאַרבן לעבט איבער אַ נײַעם טאָפּ.
בעסער אַלטער ווײַן, איידער אַלטע כוחות.
אין דער יוגנט אַ זונה, אויף דער עלטער אַ נביאה.
אַ הײַנטע הילה איז אַ נאָענטער טויט.
קיין מת האָט זיך אַליין נאָך ניט באַגראָבן.
איבער דעם בלאָזן מען המן און מע קלאַפּט שופֿר.
אַ וועלער איז בעסער ווי אַ קענער.
ויל וועטשו זײַן אַ ווילנער.
אַז אַ מענטש קומט אַרײַן אין היץ, הערט ער ניט דעם דונער און זעט ניט דעם בליץ.
אַז מע איז ברוגז מיטן חזן, ענטפֿערט מען ניט אָמן?
דאָס קול האָט ער פֿאַרלאָרן, נאָר דער בייזער האַלדז איז אים געבליבן.
דאָס גיהנום איז ניט אַזוי שלעכט ווי דאָס קומען צו אים.
עס ניט די לאָקשן פֿאַרן שבת.
פּאַסט זיך ניט אין בבֿעלע, ווען דאָס פֿישעלע איז נאָך אין טײַכעלע.
פֿאַרוואָס האָט ארץ-ישׂראל אַזויפֿיל שטיינער? ווײַל יעדער ייִד האָט קומט וואַרפֿט אַרונטער אַ שטיין פֿון זײַן האַרץ.
אין ארץ-ישׂראל האָבן מיר שוין אייגענע פֿערד-גנבֿים, אַלץ וואָס פֿעלט נאָר איז פֿערד.
אַ ייִד קען אַלע מלאָכות: פּסח איז ער אַ בעקער, שבֿועות אַ גערטנער, תּישעה-באָבֿ אַ זעלנער, סוכּות אַ בוימשטעטער, חנוכּה אַ בלײַגיסער און ראָש-השנה אַ שופֿר-בלאָזער.
אַלץ איז בײַ ייִדן צו הײַניק נאָר שכל האָט איטלעכער גענוג.
בעסער אַ ייִד אָן אַ באָרד איידער אַ באָרד אָן אַ ייִד.
דער תּלמיד-חכם ווייסט וואָס עס פֿעלט אים נאָך צו וויסן.
דאָס לעבן איז ניט מער ווי אַ חלום אָבער וועק מיך ניט אויף.
אַ גאַנץ יאָר שיכּור און פּורים ניכטער.



האָט איר אין ביכל געפינען —
נעמט זי אויך גוט אין זינען

און אויב איך זאָג אויך אַ ליגן...
הערט און הערט אַנטשוויגן

שווער איז זיך פאָרשטעלן אַ מאָסקווער פּורים-שפּיל אָן דער איינציקער באַ-רימט-געוואָרענער פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער ייִדישער זינגליד אין רוס-לאַנד, וואָס עס זינגען זי סײַ ייִדישיסטן, סײַ אַנטי-זשאַרגאָניסטן, סײַ אַפּימי-ליאַדאָרן. דאָס איז די ליד "פאַר דרײַ טויזנט קנאַפּע יאָרן..." די פערזן האָט פאַרפאַסט אַמאָליקער אַקטיווער מאָסקווער פּורים-שפּילער און ייִדיש-לערער און איצט אין ישׂראל — דמיטרי יאַקירעוויטש. דעם ניגון האָט ער אַנטליִען פונעם אַלטן ייִדישן קאָלחירטישן ליד "דזשאַנקאָי". יאַקירעוויטש איז עולה געווען אין ארץ-ישׂראל, און זײַן ליד, געווידמעט דעם גלות-יום-טוב פּורים, בלײַבט אין רוסלאַנד. אָט איז זי:

פאַר דרײַ טויזנט קנאַפּע יאָרן
פּורים-שפּיל איז ניט פאַרלאָרן.
אסתּרס שײַנקייט שײַנט ביז הײַנט.
מרדכיס חכמה דעם בעל-דרשות
קרוינט דעם רום אחשורושעס
— אויך די חכמה שײַנט ביז הײַנט.
רעפרען: כּלי-זמר שפּילט מיט פײַער
ס'פריילעכט, וואָס פאַר אונדז איז טײַער,
טײַער, טײַער, אײַ, אײַ, אײַ

נו און וואָס איז שייך המן,
אָט כּפּרות איז זײַן נאָמען,
זײַן מפּלה — קוואַל פון פרייד.
יעדער איינער נבער המן
מעג ניט האָפן אָף פאַנראַמען
— אייביק איז פון גאָלד די קרים.
רעפרען:

יאָגט דורך יאָרן - רײַט דורך וועגן
שפּרינגט אָף בערג און שווימט צו ברעגן,
זאַמלט אין זכרון אַלץ
אָבער קיינמאָל דאַרף מען ריידן.
וועגן צרות — רייד פון פריידן
שפּאַס און שפּיצל — קיינמאָל אַלטן
רעפרען:





## עס ריידן רעדאַקטאָרן פון אַנדערע אויסגאַבעס

ס'איז אַלעמאָל אינטערעסאַנט זיך דערוויסן וועגן יענעמס מיינונג איבער די פראַגן, וועלכע באַונרויִקן דיך אַליין. דעריבער האָבן מיר געבעטן אַרויס-טרעטן אין אונדזער ביולעטען דעם וויצע-פּרעזידענט פון דער ייִדישער קולטור-אַסאָציאַציע, דעם רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל "שלום" ראָמאַן ספּעקטאָר.

ראָמאַן ספּעקטאָר

### אַזוי קוקן מיר אַף די זאַכן

די אַנטשטייונג פונעם ייִדישן רוסיש-שפּראַכיקן סאַמיזדאַט און זײַן שטור-מישע אַנטוויקלונג אין דער לעצטער צײַט, וועלכע האָט געבראַכט צו דעם, וואָס באַאָבאַכטער האָבן אים אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע פונעם סאַמיז-דאַט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערט מאָטיווירט מיט אַ גאַנצער ריי טעמים. די ייִדישע קולטור-אַסאָציאַציע, וועלכע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ לייבנטייל פונעם איצ-טיקן ייִדישן סאַמיזדאַט, זעט איר אויפגאַבע אינעם בײַקומען דעם אָפּגרונט צווישן דעם ייִדישן פאָלק און ייִדישער קולטור. דער דאָזיקער אָפּגרונט ווערט קינסטלעך פאַרטיפט דורך די הויכע פענצטער און לאָזט זיך פילן אין עטלעכע אַספּעקטן. פאַר דעם ביולעטען "מאַמע-לשון" איז מסתּמא וויכטיקער פאַר אַלץ זיך אָפּשטעלן אַף דער פראַגע פון דעם אָפּגרונט צווישן אונדזערע לשונות — ייִדיש און עברית. די ניט-גרייטקײַט פון די מאַכט-אָרגאַנען לעגאַליזירן די ייִדישע קולטור אין די גרעסערע שטעט, ווו עס וווינט די מערהײַט פון אונדזער פאָלק, ווערט דעטערמינירט דורך דער קינסטלעך געשאַפענער קעגנשטעלונג צווישן די צוויי שפּראַכן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אונדזערע אונטערהאַנדלונגען מיט סאָוועטישע קולטורעלע און פּאָליטישע אינסטאַנצן. די סיטואַציע, וועלכע האָט זיך צונויפגעלייגט אַרום די ייִדישע שפּראַכן אין ראַטנפאַרבאַנד, איז אַנאַלאָגיש דער ישׂראלדיקער סיטואַציע מיט אַ פּינקטלעכקײַט ביז צו פאַרקערט — דער לאָזונג "רק עברית", וועלכער איז פּראָ-קלאַמירט געוואָרן מצד די ענטוזיאַסטן פונעם ווידעראויפשטעלן די ייִדישע מלוכהשאַפט, צווינגט זיך דערמאָנען אינעם לאָזונג "דער, וואָס רעדט ניט ייִדיש, איז אויס ייִד", וועלכן עס פּראָקלאַמירן די פאָרשטייער פונעם סאָוועטישן ייִדישיסטישן אָפּיציאָז. פונדעסטוועגן זײַנען די רעזולטאַטן, צו וועלכע עס האָבן געבראַכט די דאָזיקע אײַנשטעלונגען, פּרינציפּיעל פאַרשיידענע — אויב אין ישׂראל געפינען זיך געזונ-טע כּוחות, וועלכע זײַנען אימשטאַנד פאַראַנטוואָרטלעך אָפּבאַלאַנסירן די איינזײַ-טיקע פּאָליטיק אין געביט פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן, איז אינעם ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָס געבראַכט צו אַ קאַטאַסטראָפאַלער אָפּגעפרעמדקײַט פונעם סאָוועטיש-ייִדישן ישוב פון די ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. די ייִדישע קולטור-אַסאָציאַציע שטייט אַף דער פּלאַטפאָרמע פון גלײַכבאַרעכטיקײַט פון אַלע ייִדישע שפּראַכן — ניט בלויז פון עברית און ייִדיש, נאָר אויך פון די שפּראַכן פון אונדזערע מזרח-עדות. אין דער זעלבער צײַט שטרעבן מיר צו פאַרוואַנדלען דעם ייִדישן סאַמיזדאַט אין אַ טריבונע פונעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן. דעריבער דערשײַנען אַלע אונדזערע סאַמיזדאַט-מאַטעריאַלן (חוץ דעם ביולעטען "מאַמע-לשון") דערווײַל אַף רוסיש. וואָס איז שייך קאָנקרעט צו דעם זשורנאַל "שלום", איז שוין אינעם ערשטן נומער אויסגעדריקט זײַן באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך: "אַ ניט גרויסער טייל מאַ-טעריאַלן ווערט... דובלירט ווערן אַף ייִדיש, אַף דעם אַלטן מאַמע-לשון, וועלכן אַ סך פון אונדז באַהערשן אין דער אָדער יענער מאָס, אַף דער שפּראַך, וואָס מאָבי-ליזירט יענע, קוים-קוים לאָזנדיקע וועגן זיך צו וויסן בירושהדיקײַט צווישן די שטעטלעך פונעם תּחום המושב, אין וועלכע עס זײַנען געבוירן געוואָרן אונד-זערע זיידעס, און אונדז, די ייִדן פון די אַכציקער יאָרן פונעם 20-טן יאָרהונ-דערט". און פּערזענלעך איך, אַ געבוירענער און אויסגעוואַקסענער אין טשערנאָוויץ, צווישן ייִדישע ייִדן, רײַף געוואָרענער אין דער סביבה פון מאָסקווער העברעיִס-טישער עליה, בין זיכער, אַז אַף די שפּאַלטן פונעם ייִדישן סאַמיזדאַט טאָר ניט זײַן קיין אָרט פאַר שפּראַכלעכע קאָנפליקטן.

## אינפאָרמאַציע

דעם 25-טן פעברואַל איז דורך מאָסקאָנצערט צום ערשטן מאָל באַוויזן געוואָרן א נײַע פּראָגראַם - "ידישע ליד נעכטן און הײַנט". זי שליסט אײַן זיך אויך עטלעכע העברעישע זינגלידער, אײַן ספּאַרדישע ליד אין לאַדינאָ, אָבער דער עיקר באַשטייט זי פון ידישע לידער און ניגונים. חוץ די שלאָגערס, מיט וועלכע ס'איז פול א באַליבטע ידישע קאָנצערט-פּראָגראַם טרעפן מיר דאָ אזעלכע לידער ווי "בײַ דײַנע", "מאַמעלע", "אַבּרהמעלע מאַרזשיבער", "המן-טאַשן", "דירה-געלט", וואָס'מע פּלעגן זיי פּראַקטיש ניט אויספירן אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר זיי זײַנען אונדז באַקאַנט לויט די קאַסעטעס מיט קאָנצערטן פון די שוועסטער בערי און פון אַנדערע אויספירנדיקע ידישע אויספירער. דער סאָליסט פון דער פּראָגראַם איז א לאַורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס אַרי ראַפּס, א געוועזענער אײַן קיעוו, וועלכער פאַרשטייט אין אונטערשייד פון א סך זינגער קלינגען די טעקסטן פון די לידער, וועלכע ער זינגט. דער מוזיקאַלער אָנפירער פון דער פּראָגראַם איז א יונגער קאָמפּאָזיטאָר אַבי נעדזוועצקי, וועלכער איז געוואָרן באַוווּסט אַלס אַוטאָר פון מוזיק צום ספּעקטאַקל "עלית בנימין השלישי" (נאָך מענדעלע מוכר-ספרימס "מסעות בנימין השלישי"), דורך אַגב אין אויסטערנישער ידיש-רעדנער. די מוזיקאַלע באַגלייטונג פון אַרי ראַפּסעס נײַער פּראָגראַם פאַרווירקלעכט די גרופּע "שירה". איר אָנפירער - פּיאַניסט אַלעקסײ כלודאַוו, א רוס, האָט אַמאָל געאַרבעט אַלס אַקאָמפּאַניאַטאָר אין ידישע פּראָגראַמען פון עמיל האָראָוועץ.

ביכער אין ידיש, ווי אויך אין עברית, רוסיש און ענגליש קאָן מען געפינען אין ביבליאָטעק פון דער געזעלשאַפט פאַר פרײַנדשאַפט און קולטורעלע פאַרבינדונגען מיט ישראל מיטוואָך זינט 19 ביז 22 אזייגער טעל. 56-22-413, וויקטאָר קאָרעצקי. אין דער פאַנאָטעק פון דער געזעלשאַפט קאָן מען דורכהערן און קאָפּירן ווערק פון ידישער מוזיקאַלער שעפעריש-קייט בחוכם מיט טעקסטן אין ידיש. בא דער פאָנאָטעק אַרבעט אויך א נאָטן-ביבליאָטעק. מאָנטיק נאָך 19 אזייגער, טעל. 62-74-133, ליזע יוראָווסקאַיאַ. אין דער צײַטשריפט פון דער געזעלשאַפט - "וועסטניק אָב-שטשעסטוואַ דרוזשבי אי קולטורניך סוויאַזיי ס איזראַילעם" נום. 2 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רוסישע איבערזעצונג פון שלום-עליכמס רעפּע-ראַט "אַף וואָס באַדאַרפן ידן א לאַנד?" אינעם דריטן נומער דערשײַנט כמאַט אומבאַוווּסטער (לכל הפחות אין ספר) שלום-עליכמס אײַנאַקטער "אונאַגדיאַדע". די בײדע ווערק זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש צום ערשטן מאָל דורך וועלוול טשערנינען ספּעציעל פאַר דער אויסגאַבע פון דער געזעלשאַפט פאַר פרײַנדשאַפט מיט ישראל. אין ספר זײַנען די צוויי ווערק פונעם קלאַסיקער קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ידיש.

## ידישער אינפאָרמאַציאָנעלער צענטער אין מאָסקווע

"מאַמע-לשון", ביולעטען פון דער איניציאַטיוו-גרופּע פאַרן שאַפן א ידיש-פאַרײַן בא דער ידישער קולטור-אַסאָציאַציע
דער פאַראַנטוואָרטלעכער - וועלוול טשערנין. טעל. 67-47-252
מאָסקווע 123557, פּרעסנענסקי וואַל 40, דירה 143.

דאָס צוגרייטן און סיראַזשירן פון אונדזער ביולעטען ווערט פאַרווירקלעכט אויף חשבון פון דער יידישער קולטור-אַסאָציאַציע. אויב איר ווילט אים שטיצן, קאָנט איר איבערפירן א צושטייער פאַר אונדזער פאָנד אויפן אַדרעס פון איר קאַזנאַטשיי: אָסטראָווסקי אַלעקסאַנדער וולאַדימיראָוויטש 117133 גאַס אַקאַד. וואַרגאַ 28, דירה 309. ל/ס 99857 פון דער שפּאַרקאַסע 2695/053, מאָסקווע 105316, איזמײַלאָווסקי שאָסיי 11, מעטראָ "סעמיאָנאָווסקאַיאַ"